17 אל־רחום. ווארום דער פסוק זאָגט צו פּרעהן:
טאַקע דעריבער האָב איך דיך אויפגעשטעלט,
אַז איך זאָל ווייזן אין דיר מיין כח, אַז מיין
נאָמען זאָל באַקאַנט ווערן אין דער גאַנצער
18 ערד. (שמות ט, טז.) אַזוי אַרום איז ער בארמהערציק
צו וועמען ער וויל, וועמען אָבער ער וויל, פאַר־
האַרטעוועט ער.
19 דו וועסט מיר דעריבער זאָגן: טאָ פאַרוואָס
באַשולדיקט ער נאָך? ווארום ווער שטעלט זיך
20 אַנטקעגן זיין רצון? אָבער, מענטש, ווער ביסטו,
וואָס האָסט אַ טענה קעגן ג־ט? וועט דען אַ געמאַכטע
זאַך זאָגן צו דעם בעל־מלאכה: פאַרוואָס האָסטו
21 מיך אַזוי געמאַכט? (ישעיהו מה, ט.) אָדער, צי האָט דען
נישט דער טעפּער אַ רשות איבערן ליים צו מאַכן
פון דער זעלביקער מאַסע אַ געפעס צו כבוד און
22 אַ געפעס צו אומכבוד? און אויב ג־ט, ווילנדיק
ווייזן זיין צאָרן און באַקאַנט מאַכן זיין קראַפט,
האָט מיט פיל געדולד דערטראָגן געפעסן פון
צאָרן, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צום פאַר־
23 דאַרבן; און כדי באַקאַנט צו מאַכן די עשירות פון
זיין כבוד אויף די געפעסן פון בארמהערציקייט,
וועלכע ער האָט פאַרויס צוגעגרייט צו כבוד,
24 וועלכע ער האָט אויך גערופן, (נעמלעך) אונז,
25 נישט נאָר פון יידן נאָר אַפילו פון גוים? ווי ער
זאָגט אויך אין הושע:

איך וועל רופן דאָס, וואָס איז נישט מיין פאָלק,
מיין פאָלק, און די נישט־געליבטע, געליבטע.
26 און עס וועט זיין, אַז אויף דעם אָרט, וואו עס
איז געזאָגט געוואָרן צו זיי: איר זענט נישט
מיין פאָלק, אַז דאָרט וועלן זיי גערופן ווערן
קינדער פונם לעבעדיקן ג־ט. (הושע ב, כה.)